בשיחות כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז בשמע"צ האט ער געקוקט אין פייפער, אדער געגאנגען שפאצירן, אדער געטרונקען׳ זיסע טיי און פארביסען מיט א שטיקעלע מזונות, האט אים דער נפה"ב געלאזט צורו, בשעת אבער ער קומט טאנצען טענה'ט ער היות אז ער איז א ליובאוויטשער חסיד, איז וויבאלד ער האט נישט געלערענט איז לכה"פ טאנץ נישט. האט ער צוויי ברירות, אדער עס אויך ארייגשלאפען אין טאנץ, אדער אוועקגיין... און אך און וויי צו אזא מעמד ומצב. אלא יהי' ישתה וישכח רישו.

נעמט אן הגבלות, און קריכט ארויס, מיט מיר צוזאמען, פון די ענינים וואו מ'דארף נישט זיין, ביז אז אפילו פרסה לא תשאר שמה. - וואס א פרסא האט קיין שייכות נישט צו א מענטשען דאס איז פון א בהמה - און אפילו הפרסא של הנפה"ב איז אויך לא תשאר שמה.

און דעמאלט וועט זיין סוכ"ס דער ואתה תשמע מן השמים, אז עס וועט זיין א לעבעדיקער יאהר, א יאהר פון תומ"צ, ביז עס וועט זיין דער ואולך אתכם קוממיות, על ידי משיח צדקנו בקרוב ממש.

ה. בהמשך לכל הנ"ל, הרי המדובר דאתמול בלילה ע"ד משה האיך הי' יכול לשבור את הלוחות, מצד שזה שייך לחו"מ נצלתי ללמוד זאת עם העולם אתמול. עניני לימוד התורה צ"ל דוגמת אמור לחכ' אחותי את, שיהא ברור כאחותך, וישנם גם בענין הזת כמה פרטים אי מבוארים והם: עס האט זיך דאך גערעדט אז מ'מוז אנקומען צו פרש"י אז די לוחות איז געווען ניתנו למשה במתנה. און לכאורה, איז לולא פירוש רש"י, וואו איז דער הכרח אז משה האט זיי געוואלט צונעמען פאר זיך, און במילא זאל מען זאגען אז דאס זאל זיין גזל, בלייבט עס מערניט ווי א ענין של מזיק, און ס'איז נישטא קיין הוכחה אז די דיני שומרים, וואס דאס איז תלוי מיט די דיני מזיקים, זאל זיין דוגמתם בנוגע צו ד' מצות ב"נ, ווארום ס'איז נישטא קיין הכרח אז אין גזל (שזה אסור לב"נ) ווערט אריינגערכענט די דינים פון שומרים ומזיקים.

אין ירושלמי זאגט ער בנוגע צו דיני ב"נ אז אויב שור הזיק שור רעהו, איז אין משלמין בדיניהם, דאס איז אבער נאר ווייל השור הזיק. אויב אבער הוא (הב"נ) עצמו הזיק דעמאלט איז ער יא מחויב צו באצאלען. דאס איז אבער נישט קיין פרט פון מצות גזל, נאר א פרט פון דערוף וואס זיי זיינען מצווה להושיב דיינים, איז אין דערוף אויך פאראן די דינים פון מזיק, ד.ה. אז בשעת עס וועט זיין א דיין בא זיי, און עס וועט קומען צו עם דער דין, דארף ער פסקנ'ן מ'זאל באצאלען. אבער דא (בא די לוחות) איז דאך איגגאנצען נישט געווען אזא מין מציאות, וויבאלד אז אלע האבען דאך געזינדיקט בחטא העגל. הרי שלא הי' מי שיבוא לדין.

דאס קען מען אבער דא נישט זאגען, וויבאלד אז משה רבינו איז דאך געווען דער מנהיג של אותו הדור, איז דאך אויף עם חל געווען צו משפט'ן אז א מזיק איז חייב לשלם.

עס פאלט אבער אוועק דער הכרח און דער גאנצער שקו"ט אז מ'מוז אנקומען אז דאס איז געווען ניתן לו למשה במתנה, ווייל מען קאן דאך זאגען אז ער האט דאס איבגאבצען נישט געוואלט.

נאר בנוגע לאיסור גזל יש להסתפק. צי דער איסור איז דאס וואס ער האט הנאה פון יענעמס א זאך, ד.ה. אז עס הייסט גזולה דוקא לאחרי שנכנס לרשותו, אדער דאס וואס ער איז יענעם מחסר הייסט שוין א איסור גזל.

איז א קובטרס אחרון פון דעם אלטען רבי'ן מבטל די גאנצע סברא, וואס די לוחות איז דאך אויף זיי נחקק געווארען די עשה"ד, איז פשטות הסברא, אז וויבאלד אז דאס איז געגעבען געווארען שיונח בין ישראל אלץ לוחות הברית, איז פארשטאנדיק אז דאס איז נישט געגעבען געווארען לתשמיש אחר. קומט דאך אויס אז דאס איז אסה"נ, במכ"ש וקו"ן פון א ס"ת וואס פון א ס"ת איז מען דאך נהנה ע"י קריאה ולימוד ושנגתם לבניך, עאכו"כ הלוחות וואס זיי זיינען געלעגען במקום מוצנע, אין קדשי קדשים, אודאס איז נישט געווען לתשמיש בנ"א.

ווארום לויט די שיטה אז עשיית המשכן איז געווען לפני חטא העגל, הרי שבטח האט מען לכתחלה גלייך בעדארפט לייגען די לוחות אין קדה"ק. נאר אפילו לויט די שיטה וואס האלט אז עשיית המשכן איז דאס געקומען בתור כפרה אויף דעם חטא העגל, איז דער טייטש אז בלא"ה וואלט זיכער געווען א משכן, נאר דער חידוש איז אז אע"פ וואס ס'איז

געוועך א חטא העגל, און ס'איז געוועך דער סלחתי כדברך, און אעפ"כ האט מען געהייסען מאכען דעם משכן, אבל לולא החטא במה שהיתה השכינה שורה בתוך ישראל, והיו הלוחות ניתנים שמה, און דאס איז זיכער אז לא כל יחיד מישראל יכול הי' ללמוד תורה מהלוחות.

קומט דאך אויס אז דאס איז א ענין פון אסה"נ. איז אויב אזוי ווי אזוי זאגט מען אז דאס איז שייך צו אלע אידען. אויף דערויף איז פאראן אין קו"א פון אדמוהז"ז (בהל' פסח) בנוגע אסה"נ אז הגם אז ס'איז אסור להשתמש בזה, דוגמת חמץ בפסח, אעפ"כ עס הייסט שלו, נכסיו, ועובר על ב"י וב"י, וויבאלד אז דאס הייסט שלך. בד"א אז דאס הייסט שלו איז דאס אלץ בנוגע לגזל, משא"כ אבער בנוגע צו מזיק, שרייבט דארט דער אלטער רבי אליין, אז באם הזיק אין לו דמים, וויבאלד אז ער קאן טענה'ן אז ער האט אים גארנישט מחסר געוועך, וויבאלד אז ער האט דאך דערפון נישט קיין ממון, דה"ז אסה"נ.

הרי בהלוחות ענין של מזיק לא הי' שייך בהם, דהרי היו אסה"נ. משא"כ גזל שייך גם באסה"נ, וא"כ קשה האיך לקחם משה. אבל מהיכן הראי' אז משה האט דאס צוגענומען.

וועט מען דאס פארשטיין בשינוי הסיפור בין המסופר ע"ד שבירת הלוחות בפ' כי תשא ובפ' ואתחנן, דבפ' תשא מספר רק הענין בכללות בלי ענינים חיצונים, משא"כ בואתחנן מוסיף הוא הואשברם לעיניכם שמזה לומד רש"י הנשאו לבו כו', וגם מוסיף אח"כ ואתפוש בהלוחות, דלכאו' מה מוסיף מזה, פריער האט ער דאך אויך אנגעהאלטען אן די לוחות.

נאר דורך דעם ואתפוש, דערציילט משה, צו די אידען, איז דאס געווארען זיינע ער האט דאס מתפיס געוועך בכדי שיהיו שלו, איז בנוגע למזיק דארף מען נישט האבען שיהיו שלו, משא"כ אויף גזלן דארף דאך זיין שיכנס לרשות הגזלן, אויף דעם זאגט משה אז ער האט דאס מתפיס געוועך, שטעלט זיך די שאלה, אויב אזוי, אפילו אז לא הגיע לכ"א מישראל ש"פ, איז דאך מדת חסידות שלא לגזול גם פחות מש"פ (כפסק אדמוה"ז), איז ווי האט דאס משה מתפיס געוועך, און גענומען פאר זיך דעריבער מוז מען אנקומען אז עס איז געוועך נתנו לו השי"ת במתנה, און דעריבער איז געוועך דער ואתפש, אז ער האט דאס פאר זיך גענומען. (הרי שכל ההכרח שמשה לקחם לעצמו הוא מואתפוש). שיהי' שלו, דלפני זה חשב מה לעשות עם זה, אחרי שנתנו לו השי"ת אבל כשראה שחטאו האט ער דאס זיך גענומען.

או יש לפרש ואתפש ווי פשטנים זאגען א בעה"ב'טישע סברא, אז וויבאלד אז ער האט געזען אז חטאו ישראל וירדו, און די לוחות זיינען דאך געוועך ו' טפחים על ו' טפחים, איז בכדי זיי צו צוברעכען דארף מען האבען אויף דערויף כח גדול, האט ער דאס געדארפט אנעמען באופן דואתפוש בכדי שיוכל לשברם, דלולא זאת לא הי' יכול לשברם.

דערפון קומט ארויס אז א איד קאן זיך איינשפארען און טענה'ן אז שבירת לוחות הראשונות אין זה שייכות אליו, דאס איז געוועך משה'ס א ענין.

דערמיט וועט זיין פארשטאנדיק, דאס וואס עס שטייט אין זהר, און אין מדרשים, אז בשעת משה האט דערזען דעם מצב בא אידען בירדו מן ההר, האט ער זיך אויך געוואלט כולל זיין מיט אידען, באופן של קדוש השם, דעריבער האט ער צובראכען די לוחות, און ער האט געזאגט צום אויבערשטען ביסטו מוחל איז גוט, ואם אין מחני נא גו'. בשעת מעשה של החטא האט אפילו נישט געקאנט זיין קיין מחאה מצדו של משה, אבער בשעת ער האט דאס דערזען האט ער געזוכט זיך פארבינדען מיט דעם חטא העגל, וע"כ שברם, און וויבאלד אז אויף די לוחות איז געוועך חקוק אנכי הוי' אלקיך, איז דאס א מעין ובדקות פון חטא העגל.

קומט דאך דערפון אויס אז צו אידען ווערט פאררעכענט ביידע ענינים סיי חטא העגל און סיי שבירת הלוחות (שהי' על ידם). און צו משה ווערט פאררעכענט איין ענין (השבירה). אבער לויט פרש"י אז שבר את הלוחות כשהיו שלו, איז נאר דאס ווערט פאררעכענט צו משה, וחטא העגל לישראל. (כיון שהלוחות לא הי' שלהם רק של משה). און משה האט גע'טענה'ט צו דעם אויבערשטען שבהלוחות כתוב רק אלקיך - לי' יחיד, שנאמר רק אליו, וכמבואר ברש"י המשל שהשושבין טוען להמלך שעדיין פנוי' היא, (וכמבואר בהתוועדות דאתמול בארוכה).

דאס וואס ס'האט געקאנט זיין שבירת הלוחות איז דאס מצד חטא העגל, און חטא

העגל האט געקאנט זיין ווײלע ס'איז געווען חטא עה"ד, און חטא עה"ד איז געווען מצד מיעוט הלבנה, און דאס איז געווען מצד די שבירת שהיתה בתהו, און די וואס קאנען דאס מתקן זיין איז נשמות דתיקון דוקא בעולם התיקון, ווײלע נשמות דתיקון אין להם שייכות להחטא, ואלו שיש להם שייכות אינם יכולים לתקן דהרי אין חבוש מתיר א"ע. און מתקן זיין שבירת הלוחות קאן דאס נישט זיין ע"י ששברם, קומט אויס אז דאס - התיקון - אפי"ל ע"י כל ישראל, חוץ דורך משה, רבינו.

ווי איז שייכות צוזאגען אז משה קאן דאס נישט מתקן זיין, אויף דערויף זאגט מען אז בא משה'ן איז געווען הסכימה דעתו לדעת המקום, און דער אויבערשטער האט אים געזאגט יישר כחך ששברת.

וואס דאס איז אויך כפשוטו, אויף וויפיל ס'איז שייכות צו זאגען כפשוטו אין חסידות... סותר ע"מ לבנות... ענין המחול בקירוב וריחוק, שהריחוק הוא בכדי שיהי' אח"כ קירוב יותר נעלה, וכהמשל המבואר ע"ז בחסידות מהשווינדל טרעפ, ובנוגע לשמע"צ ושמח"ת מבואר המשל בלקו"ת, דאס תשמח בתולה במחול... הולכים על כל השנה אין דעם ויעקב הלך לדרכו, און בקרוב וועט נמשך ווערן דער הקב"ה עושה מחול לצדיקים ואומרים זה היום קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו.

ו. מדובר כבר פעמים ע"ד שבשנה זו היא שנת המאה להתסלקות הצ"צ, וואס ער איז געווען א בן הבת פון דעם בעל התניא והשו"ע, והדור שלישי איז ער געווען זיין ממלא מקומו, און וויבאלד אז אמו, בתו של אדמוה"ז, איז נסתלק געווארען ווען ער איז געווען קרוב צו דריי יאהר, דעריבער איז ער נתחנך געווארען בביתו של אדמוה"ז, ובחדרו של אדמוה"ז בעצמו.

ס'איז ידוע כמה סיפורים ווי דער אלטער רבי האט זיך מיט עם אגעגעבן, און די הוראות דערפון צו ערוואקסענע און עאכו"כ צו אידישע קינדער, ווארום די פרטים וואס זיינען נישט נוגע אין א הוראה אין מקום אויף דאס איבערגעבן, דוגמת ווי נבואה הנצרכה רק לשעתה איז לא נכבסה בספרי הנבואה, הגם אז דאס איז געווען דבר הוי' בפי עבדיו הנביאים. עד"ז כל עניני תורה, כולל אויך די סיפורי רבותינו נשיאינו, פון דערפון גופא אז דאס איז דערגאנגען צו אונז איז א ראי' שזה הוראה ונוגע לדורות.

איינע פון די פרטים פון דעם חינוך פון צמח צדק, וואס דאס ענטהאלט א סיפור און א הקדמה, וואס דער רבי האט דאס דערציילט איינע פון די ימי הסוכות, מיט דרייסיג יאהר צוריק, תרצ"ו.

וואס ער האט מקדים געווען דעם ציור הבית פון דעם אלטען רבי'ן, וואס עס איז געווען דער חדר וואס דארט האט דער אלטער רבי געזאגט מאמרי חסידות, און דארטען איז געווען א אויווען וואס האט אנגעווארעמט דעם חדר. און ס'איז געווען אויף אזא אופן אז בכדי אויף אריינצולייגען די האלץ, האט מען נישט געדארפט אריינגיין אין אלטען רבי'ס חדר, ווארום עס וואלט דאך אים מבלבל געווען האט מען דאס געקאנט טאן פון דעם חדר חיצוני, און די וואנט איז נישט געווען קיין דיקע. ע"ד ווי בשעת מ'בויט היינט א הויז פון איין קומה אדער צוויי, איז דער כותל חיצוני נישט עב ביותר, עאכו"כ די כתלים שבין חדר לחדר, כמו"כ הי' גם אז, ומובן שהכותל שבצדו הי' התנור לא הי' עב, דהרי כוונתו הי' אויף אנצווארעמען דעם חדר אויף דער צווייטער זייט וואנט, שיכנס רוב החום בהחדר.

אמאל איז געווען דער סדר אז מ'פלעגט נישט אלעמען אריינלאזען צו די מאמרים. ס'איז געווען אזוינע מאמרים וואס מ'האט אלעמען אריינגעלאזט, ס'איז אבער געווען אזוינע מאמרים וואס מ'האט אריינגעלאזט נאר יחידי סגולה, און א מספר מצומצם.

דער צמח צדק איז דעמאלט געווען א קינד פון אכט יאהר לערך, און נישט נאר וואס ער האט געהאט א תשוקה צו לימוד הנגלה, נאר ער האט געוואלט להגיע ולהשיג כל מה שיכול גם בלימוד החסידות. הגם אז לימוד החסידות בקביעות ובסדר האט מיט אים דער אלטער רבי אנגעהויבען בשנים שלאחרי זה.

איז בשעת ס'איז געווען די מאמרים לרבים, איז דאך די טיר געווען אפען במילא פלעגט ער אויך אריין גיין בשעת אבער די מאמרים וואס דער אלטער רבי האט געזאגט ווען אריינלאזען, האט ער נישט געקאנט אריינגיין. און מ'וועט דאך נישט גיין ברעכן טירען, איז ער אריינגעקראכען אין דעם אויווען (שהי' בחדר השני וקירב אזנו להכותל, און וויבאלד דער אלטער רבי האט דאך געזאגט דעם מאמר בקול רם ובניגון,



הנחה בלתי מוגה